**Petticoat Lane By Moshe Domb**
**(From the Loshn un lebn almanac, 1956)**

Petticoat Lane. Most people who come to the Sunday market, including visitors from all over the world, don't only come to buy; they also come for entertainment, like going to a film. So let's try and capture it as if with a camera.

Here stands bespectacled Zelig at a market table selling various bits and pieces, his pitch-black hair hanging in shreds over his haggard, sweaty face. His dark eyes are intense. Words spill from his big toothless mouth as he draws in the passers-by with a story about partisans in the Polish forests fighting with wolves and brutal Germans with long whips. A miscellaneous crowd of curious listeners gather round. When the space in front of his table is quite full, Zelig whips out one of his items for sale and asks who will give most for it. Captivated by Zelig's stories, the onlookers forget everything and all of them bid for the item. Zelig knows well that people are like children, and with a story you can get them to do anything. He's so good at it that students and doctors come to see how he captures customers with his psychological tricks.

But Zelig himself forgets what he's doing when two characters, one with a leg missing and the other with only one arm, come leading a white goat hitched to a cart in which a greyish brown monkey, attached by a thin chain, is leaping up and down a ladder and grabbing pennies from the crowd with its small claw-like feet. Quick as a flash, the monkey grabs some peanuts from the table and nibbles away at them, glaring angrily at the onlookers. Zelig's face lights up in a smile and he forgets all about selling his wares. The greyish-brown monkey is craftier than all the bystanders. It keeps glaring at the people with angry eyes and trembling lips, as if to say: 'Oh, you stupid humans, if I wasn't tied by this chain, I'd leap across all the tables and grab the grapes and peanuts, and you wouldn't be able to catch me, but just stand there shouting like idiots' …

People look on sheepishly, with curiosity, as the monkey grabs peanuts along with the money. The owners smile and stroke its neck affectionately, as if to say: 'You've learned cunning ways at the market, you crafty animal.'

It's noisy at Petticoat Lane market. Women and men shout to attract customers. A band plays, all disabled in some way. The madman from Aldgate is dancing and singing. A Polish fiddler plays soulful melodies that remind you of Polish fields and forests. And here comes Jock the Scot, a drum and bells hanging round his neck, playing his trumpet and dancing—a veritable one-man band. When he has finished dancing and playing, and collected the pennies, he spots rotten tomatoes, apples, berries and bananas lying in the gutter, and immediately starts picking them up. He is quickly joined by the

Polish fiddler, who also grabs a rotten apple. The tramps hanging around in the market shuffle as well. They are old down-and-outs from the nearby Salvation Army hostel. Dressed in rags, their faces unshaven, eyes swollen from sleepless nights, sagging cheeks, twisted noses and parched lips, they are always wandering about in the market with heads bent down, constantly on the look-out for a tasty morsel.

'Petticoat' is the English word for a woman's underskirt, and there are indeed a lot of women in Petticoat Lane market: lots of Jewish women carrying slaughtered chickens, ducks and geese from the nearby ritual slaughterhouse. You can hear the poultry squawking in the slaughterhouse, like a crowd of women arguing and shrieking at each other. And from time to time you hear the chant of the ritual slaughterer checking that his knife has no flaws.

Then everything is drowned out by the sound of a nearby gramophone. Young women stand gaping at it, listening to the sickly sentimental melodies and proudly displaying their slender legs in their tiny slip-on shoes, their black-spotted calf-length silk stockings underlining their shapely thighs. Their steps are dainty too. Their hair is cropped short, like a brood hen, and their breasts, raised in the current fashion, resemble the puffed-up chest of a male pigeon. They come here to listen to the gramophone music and inhale the exotic odour of bananas, grapefruit, apples and oranges, but above all to chat with the boys in drainpipe trousers and wide-shouldered jackets, with hair freshly sleeked back into a shining ducktail, like the purplish backside of a drake. That's how men dressed in King Edward's time, which is why these youths are called 'Teddy boys'. Proud of their royal nickname, they hold their ducktailed heads high, nodding haughtily and chewing gum, like young Americans at a dance. They approach the young women, whose laughter is now interspersed with girlish shrieks. One of the gang must have stolen a kiss from a pretty girl. Now and then, when one of the boys spots a Jewish girl with a modest expression on her face, he runs quickly to the gypsy woman selling multicoloured roses, buys a white rose, and presents it to the bashful young lady. Then all the girls burst out laughing.

Gramophone music and girlish laughter mingle with the cries of the market men and women and tradesmen, and the squawking of the hens, geese and ducks in the slaughterhouse echoes far and wide across the market.

The lanes of market stalls empty out one by one, as if swept by a receding tide, leaving behind scraps of paper, rotten fruit, string, rags, and shoes with holes in them. Here and there, ragged down-and-outs with unshaven faces can be seen searching the ground for coins, scraps of food and tasty fruit, like in the old country after the pilgrimage markets.

But old Reb Yoshke from Vilna, the greengrocer, is still sitting at the edge of the market. From him you can buy garlic, horseradish, dill, and black, red, or white radish. He’s an old man with a tired face and a greyish-white beard, wearing a hard hat that looks like a beaker. His ritual earlocks are combed back behind his ears. His eyes have an angry look, his nose is a slightly twisted, and his lips are swollen and dry from too much talking. He holds a prayer-book, open at the Hymn of Unity for the First Day of the Week. When a policeman comes and tells him the Sunday market is over, he raises his pale face and replies in Yiddish: ‘In a minute, my righteous counsellor, I just want to finish a verse.’ Not understanding a word Yoshke says, the policeman goes off with a thin smile on his stern face, like a chastised child. And Reb Yoshke ends the Sunday market with the verse from the Hymn of Unity, reciting the Hebrew words in a respectful whisper: “To this day hast Thou held fast my hand; life and loving-kindness hast Thou given me.”

The  marketplace empties. There are bits of yellow orange peel and dark green cabbage leaves lying around here and there. You can hear quiet echoes from distant streets and the clinking of silver coins. Feathers fly around like tiny summer birds. And the last to leave the marketplace is Reb Yoshke from Vilna. He’s barely able to push the two-wheeled cart squeaking in front of his feet. He shoves it forward it a little way, then stops and groans. When the market folk tell him a wealthy Jew like him shouldn’t have to push his cart by himself, he raises his eyes to heaven and whispers a prayer, as if to thank the Master of the Universe for sustaining the Jews of Whitechapel and the good Sunday market. And to all the passers-by he says, pointing to the sky: “There, there things will be different” … And keeping his eyes raised aloft, as if the heavens are opening to receive his words, Reb Yoshke mutters: “To this day hast Thou held fast my hand … Oy, oy, Master of the Universe ...”

*Petticoat Lane by Moshe Domb, translated by Barry Smerin. From East End Jews: Sketches from the London Yiddish Press. © Barry Smerin, 2025. Used by permission of Wayne State University Press.*

**Petikot leyn**

**Fun Moyshe domb**

***Loshn un lebn almanak,* 1956.**

Petikot leyn, dos rov mentshn un bazukher, mikol ho'oylem naygerike, vos kumen do oyf dem zuntik-yarid, kumen nisht nor koyfn nor zikh amuzirn vi tsu a film. Derfar oyfkhapn vi mit a kamera:

Ot shteyt zelig der babrilte, oyf a mark-tish, un farkoyft shtiklekh skhoyre, zayne pekh-shvartse hor krishln zikh, iber zayn dar, tseveykt ponem, zayne shvartse oygn zaynen shpitsik geshpant; mit zayn groys ontseynik moyl tsit er on dem oylem mit a mayse vegn partizaner in poylishe velder, vos hobn zikh geshlogen mit velf, un vilde daytshn, mit lange baytshn. Es zamlt zikh a naygeriker farshidnartiker oylem. Ven es vert ful mit mentshn arum, git zelig raptem flink a khap aroys a shtik skhoyre un fregt, ver s'git mer far dem. Di mentshn zaynen farklert fun zeligs mayses, fargesn zey in alem, azoy viln ale koyfn dos shtikl skhoyre. Zelig veys gut, az mentshn zaynen vi kinder, mit a maysele ken men bay zey ales oysnemen. Tsulib dem kumen studentn un doktoyrim zen vi azoy zelig fangt di mentshn, mit psikhologishe shtiklekh.

Ober bald fargest zelig oykh in alem, ven tsvey kalikes, eyner on a fus, un der tsveyter mit eyn hant, firn a vayse koze tsugeshpant tsu a vegele, un oyf a kleyn leyterl, in vegele shprinkt arop un aroyf, tsugebundn tsu a din keytele, a groy-broyn malpele. Zi khapt peniz mit ire negldike fislekh, un blits-shnel khapt dos malpele rebe-nislekh, un grizhet un kukt mit beyze oygn oyf dem oylem. Zeligs ponim vert likhtik, mit shmeykhl, un fargest in handl. Dos groy-broyne malpele iz mer khitre fun ale mentshn arum. Oft kukt zi oyf di mentshn, mit ire beyze oygn un tsiterdike lipn, vi zi volt veln zogn: "ekh du narisher mentsh, ven kh'bin nit ongebundn baym keytl, volt ikh geshprungen iber ale tishlekh mit vayntroybn, un rebe-nislekh, un ir volt mikh nisht gekhapt, nor hekhstns gekent rufn lekish"…

Mentshn kukn lekishevate un mit nayger, vi dos malpele khapt mit shnelkayt di rebe-nislekh tsuzamen mitn gelt. Di kalikes shmeykhln derbay, un gletn gutmutik dem malpeles helzl, vi zey voltn veln zogn: "oysgelernt zikh khitrekeyt oyfn yarid. Ekh a khitre bestye"…

S'iz royshik der yarid, in petikot leyn, es shrayen vayber un mener, rufndik di koynim. Es shpilt an orkester, fun bloyz kalikes. Der meshugener fun oldgeyt tantst un zingt. A poylisher fidl-shpiler shpilt umetike lidlekh, vos dermonen di poylishe felder, velder, un ot kumt der skot, dzhok, bahongen mit a poyk un gleklekh, un in moyl halt er a trompeyt un fayft un tantst derbay, un es bavegn zikh di gleklekh mit der poyk, az es

makht an ayndruk, vi a gantser orkester shpilt mit im tsuzamen in eyn perzon. Un az er hot shoyn opgetantst un opgeshpilt un tsuzamengeklibn di peniz, derzet er, vi iber di rinshtokn valgern zikh farfoylte pomedorn, epl, barn, bananas, azoy kloybt er dos shnel, un tsu im dernentert zikh bald der poylisher fidl-shpiler, un khapt oykh a farfoylte epl. Sharn zikh tsu di arumshlepndike "tremps", di bavoyner fun der shkheynesdiker salveyshn armi-meline, alte oreme mentshn, mit baharte penemer, ongeton in shmates, zeyere oygn geshvoln fun shlofloze nekht, oyfgeblozene bakn, tsekrimte nez, fartriknte lipn, azoy vandern zey tomed do ibern yarid, mit aropgeboygene kep shtendik zukhndik, epes a nash mit a reyekh, fun raykhkeyt.

Der nomen fun dem yarid iz oyf yidish "a vayberishe halke". Zet men take vayber, a sakh yidishe vayber, velkhe trogn fun noentn hiner-shekht-hoyz geshokhtene hiner, katshkes, gendz. Fun hiner-shekht-hoys hert men hinerishe kvitsherayen, vi fil vayber voltn zikh gekrigt un gekvitshet. Oft hert zikh a khazonish shtikl fun a shoykhet, ven er kukt iber dem khalef, tsi s'iz nit do a pgam in khalef.

Ober ales vert farshrign fun der nebndikn gramafon vu es gapyen un hern zikh-tsu tsu di zis-sentimentale melodyes, yunge meydlekh mit shtoltse shlanke fis, mit pitshinke pantoflekh un oyf di zeydene zokn, baym unter-beyn, oyfn knakhl, zaynen di zokn shvarts baflekt, kdey untertsushtraykhn di sheyne shtrikhn fun pulke-fis, un zeyere tritlekh zaynen kleyninke. Oyf zeyere kleyne keplekh zaynen di hor geshoyren vi bay a kvoke, zeyere byustn oysgeformt vi an ongeblozener goyder bay a toybishn zokher. Zey kumen do kdey tsu hern gramafon muzik un derbay shmekn dem ekzotishn reyekh fun bananes, ananas, epl, marantsn, un der iker tsu kenen redn mit di yunge bokhrim, vos trogn lange shmole hoyzn, vi meglekh, mit breyt pleytsike marinarkes, un frimorgndik frish farkemt di hor, vi di gingoldik violet farkemte katshke-kotsher. Azoy hot men zikh amol gekleydt in der tsayt fun dem kenig edvard, tsulib dem ruft men zey "tedi-yinglekh". Zey libn un akhtn dem mlokhishn nomen, derfar zaynen zeyere katshke-kotsherishe keplekh azoy shtolts. Oyfgehoybn tsum himl, mit gayvedikn kop-shokl, un derbay kayendik un nogndik gume-tsukerlekh, vi di amerikaner tants-yungn. Ven zey dernentern zikh tsu di meydlekh hern zikh kvitsherayen oysgemisht mit yung gelekhter. Epes a khiber hot avade geganvet a kush bay a sheyn yung meydl. Un teylmol ven der bokher derzet a yidish meydl mit a tsniyesdikn ponem, loyft er shnel tsu tsu di tsigaynerin, vos farkoyft alkolirndike royzn, un koyft a vayse royz, un derlangt dos dem meydl mit dem tsniyesdikn ponem. Demolt tsehilkhn zikh di meydlekh mit gelekhter.

Gramafon muzik un meydlsher gelekhter, oysgemisht mit di geshreyen fun mark-vayber un mener, un kvitsherayen fun di shekhtndike hiner, gendz, katshkes, farhilkht vayt, vayt avek iber dem yarid.

Eyntsikvayz leydikn zikh oys di geslekh fun yarid tishn, un es zet oys, vi a vaser volt dos opgeshvenkt, un ibergelozt papirn, farfoylte oypsn, shtrik, federn, shmates, tselekherte shikh, un do un dort zet men vandern opgerisene, opgeshlisene mentshn mit baharte penemer, zukhndik oyf der erd gelt, esnvarg un shmekndike oypsn, vi in di heymishe shtetlekh nokh di geendikte otpustn.

Ober baym rand fun yarid mark zitst nokh der grin-soykher, der alter r' yoshke fun vilne. Bay im ken men krign knobl, khreyn, koper, shvartsn, roytn, vaysn retekh. Er iz alt mit a mid ponem, un a vays-groyer bord. Oyfn kop trogt er aza hartn hut, vi a bekher, di peyes zaynen farkemt unter di oyern, zayne groye oygn kukn beyz, di noz etvos farkrimt, di lipn oyfgeblozn, fartriknt fun tsu fil redn, un halt in eyn sheptshn fun a seyfer, vu es gefint zikh der shir hayikhed leyom rishn. Ven der politseyman kumt tsu im onzogn az der zuntik yarid iz geendikt, heybt er oyf zayn vays ponem, un tsu dem politseyman redt er oyf yidish, "shoyn, shoyn, meylets-yoysher-lebn, kh'vil nokh do farendikn a posek fun shir". Der politseyman farshteyt gornisht vos der alter yoshke zogt tsu im, loyft er avek vi a farshemt kind, mit a dinem shmeykhl oyf zayn shtreng ponem. Un r' yoshke farendikt dem zuntik mark fun "shir hayikhed leyom rishn", es hert zikh a shtil sheptshn, mit pakhed un derekh erets: "ad yom haze hekhezakto beyodi khayim vokhesed osiso imodi".

Der mark-plats vert oysgeleydikt. Vu nit vu valgern zikh gele marants sholn, tunkl-grine kapuste bleter, s'hern zikh shtile ekhos fun di vayte geslekh, s'hert zikh klangen fun zilber-gelt, federn flien vi pitshinke zumer-feygelekh. Un der letste tsu farlozn dem mark-plats iz r' yoshke vilner. Koym vos er ken shtupn dos tsvey-redldike vegele, velkhes skripet unter zayne fis. Er git a for op a bisl un shtelt zikh un krekhtst. Ven mentshn zogn, az er aza gvir darf nisht shtupn aleyn dos vegele, fargleyzt er di oygn tsum himl un sheptshet epes a tfile, vi er volt veln dankn dem reboyne shel oylem farn ophitn vaytshepler yidn, un dem gutn zuntik mark, un tsu di ale durkhgeyer zogt er beze haloshn un vayzt tsum himl: "dortn, dortn vet andersh zayn"...zayne oygn zaynen vayter gevendt tsum himl, vi di himlen voltn zikh efenen kdey arayntsutsien r' yoshkes verter: "ad yom haze hekhezakto … oy oy reboyne shel oylem".

## משה דאמב

# פעטיקאָוט ליין

פעטיקאָוט ליין, דאָס רוב מענטשן און באַזוכער, מכל העולם נאָגי־ריקע, וואָס קומען דאָ אויף דעם זונטיק־יאַריד, קומען נישט נאָר קויפן נאָר זיך אַמוזירן ווי צו אַ פילם. דערפאַר אויפכאַפּן ווי מיט אַ קאַמערא:

אָט שטייט זעליג דער בעברילטער, אויף אַ מאַרק־טיש, און פאַר־קויפט שטיקלעך סחורה, זיינע פעך־שוואַרצע־האָר קרישלען זיך, איבער זיין דאַר, צעווייקט פּנים, זיינע שוואַרצע אויגן זיינען שפּיזיק געשפּאַנט; מיט זיין גרויס אָנצייניג מויל ציט ער אָן דעם עולם מיט אַ מעשה וועגן פּאַרטיזאַנער אין פּוילישע וועלדער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט וועלף, און ווילדע דייטשן, מיט לאַנגע בייטשן. עס זאַמלט זיך אַ נייגיריקער פאַרשידנאַרטיקער עולם. ווען עס ווערט פול מיט מענטשן אַרום, גיט זעליק ראַפּטום פלינק אַ כאַפּ אַרויס אַ שטיק סחורה און פרעגט, ווער ס׳גיט מער פאַר דעם. די מענטשן זיינען פאַרקלערט פון זעליגס מעשיות, פאַרגעסן זיי אין אַלעם, אַזוי ווילן אַלע קויפן דאָס שטיקל סחורה. זעליג ווייס גוט, אַז מענטשן זיינען ווי קינדער, מיט אַ מעשהלע קען מען ביי זיי אַלעס אויסנעמען. צוליב דעם קומען סטודענטן און דאָקטוירים זען ווי אַזוי זעליג פאַנגט די מענטשן, מיט פּסיכאָלאָגישע שטיקלעך.

אָבער באַלד פאַרגעסט זעליג אויך אין אַלעם, ווען צוויי קאַליקעס, איינער אָן אַ פוס, און דער צווייטער מיט איין האַנט, פירן אַ ווייסע קאָזע, צוגעשפּאַנט צו אַ וועגעלע, און אויף אַ קליין לייטערל, אין וועגעלע, שפּרינגט אַראָפּ און אַרויף, צוגעבונדן צו אַ דין קייטעלע, אַ גרוי־ברוין מאַלפּעלע. זי כאַפּט פּעניס מיט אירע נעגלדיקע פיסלעך, און בליץ־שנעל כאַפּט דאָס מאַלפּעלע רבי־ניסלעך, און גריזשעט און קוקט מיט בייזע אויגן אויף דעם עולם. זעליגס פּנים ווערט ליכטיק, מיט שמייכל, און פאַרגעסט אין האַנדל. דאָס גרוי־ברוינע מאַלפּעלע איז מער כיטרע פון אַלע מענטשן אַרום. אָפּט קוקט זי אויף די מענטשן, מיט אירע בייזע אויגן און ציטערדיקע ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „עך, דו נאַרישער מענטש, ווען כ׳בין ניט אָנגעבונדן ביים קייטל, וואָלט איך געשפּרונגען איבער אַלע טישלעך מיט ווייַנטרויבן, און רבי־ניסלעך, און איר וואָלט מיך נישט געכאַפּט, נ״ר העכסנטס געקענט רופן לעקיש" . . .

מענטשן קוקן לעקישעוואַטע און מיט נייגער, ווי דאָס מאַלפּעלע כאַפּט מיט שנעלקייט די רבי־ניסלעך צוזאַמען מיטן געלט. די קאַליקעס שמייכלען דערביי, און גלעטן גוטמוטיק דעם מאַלפּעלעס העלזל, ווי זיי

וואָלטן וועלן זאָגן: „אויסגעלערנט זיך כיטרעקייט אויפן יאַריד. עד, אַ כיטרע בעסטיע" . . .

ס'איז רוישיק דער יאַריד, אין פּעטיקאָוט ליין, עס שרייען ווייבער, און מענער, רופנדיק די קונים. עס שפּילט אַן אָרקעסטער, פון בלויז קאַליקעס, דער משוגענער פון אָלדגייט טאַנצט און זינגט. אַ פּוילישער פידל־שפּילער שפּילט אומעטיקע לידלעך, וואָס דערמאָנען די פּוילישע פעלדער, וועלדער, און אָט קומט דער סקאָט, דזשאָק, באַהאָנגען מיט אַ פּויק, אין גלעקלעך, און אין מויל האַלט ער אַ טרומפּייט און פייפט און טאַנצט דערביי, און עס באַוועגן זיך די גלעקלעך מיט די פּויק, אַז עס מאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער שפּילט מיט אים צוזאַמען אין איין פּערזאָן. און אַז ער האָט שוין אָפּגעטאַנצט און אָפּגעשפּילט און צוזאַמענגעקליבן די פּעניס, דערזעט ער, ווי איבער די רינשטאָקן וואַל־גערן זיך פאַרפוילטע פּאָמידאָרן, עפּל, באַרן, באַנאַנעס, אַזוי קלויבט ער דאָס שנעל, און צו אים דערנענטערט זיך באַלד דער פּוילישער פידל־שפּילער, און כאַפּט אויך אַ פאַרפוילטע עפּל. שאַרן זיך צו די אַרומ־שלעפּנדיקע „טרעמפּס", די באַוווינער פון דער שכנותדיקער סאַלוויישאָן־אַרמי־מעלינע, אַלטע אָרימע מענטשן, מיט באַהאָרטע פּנימער, אָנגעטון אין שמאַטעס, זייערע אויגן געשוואָלן פון שלאָפלאָזע נעכט, אויפגעבלאָ־זענע באַקן, צעקרימטע נעז, פאַרטריקנטע ליפּן, אַזוי וואַנדערן זיי תמיד דאָ איבערן יאַריד, מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ שטענדיק זוכנדיק, עפּעס אַ נאַש מיט אַ ריח, פון רייכקייט.

דער נאָמען פון דעם יאַריד איז אויף יידיש „אַ ווייבערישע האַלקע". זעט מען טאַקע ווייבער, אַ סך יידישע ווייבער, וועלכע טראָגן פון נאָענטן הינער־שעכט־הויז געשאָכטענע הינער, קאַטשקעס, גענז. פון הינער־שעכט־הויז הערט מען הינערישע קוויטשערייען, ווי פיל ווייבער וואָלטן זיך געקריגט און געקוויטשעט. אָפּט הערט זיך אַ חזניש שטיקל פון אַ שוחט, ווען ער קוקט איבער דעם חלף, צי ס'איז ניט דאָ אַ פּגם אין חלף.

אָבער אַלעס ווערט פאַרשריגן פון דערנעבנדיקן גראַמאַפאָן, ווו עס גאַפּיען און הערן זיך־צו צו די זיס־סענטימענטאַלע מעלאָדיעס, יונגע מיידלעך מיט שטאָלצע שלאַנקע פיס, מיט פיטשינקע פּאַנטאָפלעך, און אויף די זיידענע זאָקן, ביים אונטער־ביין, אויפן קנאַכל, זיינען די זאָקן שוואַרץ באַפּלעקט, כדי אונטערצושטרייכן די שיינע שטריכן פון פּולקע־פיס, און זייערע טריטלעך זיינען קליינינקע. אויף זייערע קליינע קעפּ־לעך זיינען די האָר געשוירן ווי ביי אַ קוואָקע, זייערע ביוסטן אויסגע־פּאָרעמט ווי אַן אָנגעבלאָזענער גוידער ביי אַ טויבישן זכר. זיי קומען דאָ כדי צו הערן גראַמאַפאָן מוזיק און דערביי שמעקן דעם עקזאָטישן ריח פון באַנאַנעס, אַנאַנאַס, עפּל, מאָראַנצן, און דער עיקר צו קענען רעדן מיט די יונגע בחורים, וואָס טראָגן לאַנגע שמאָלע הויזן, ווי מעג־לען, מיט ברייט־פּלייציקע מאַרינאַרקעס, און פרימאָרגנדיק פריש פּאַר־

קעמט די האָר, ווי די גינגאָלדיק־וויאָלעט פאַרקעמטער קאַטשקע־קאָט־שער. אַזוי האָט מען זיך אַמאָל געקליידט אין דער צייט פון דעם קעניג עדוואַרד, צוליב דעם רופט מען זיי „טעדי־יונגלעך". זיי ליבן און אַכטן דעם מלכישן נאָמען, דערפאַר זיינען זייערע קאַטשקע־קאָטשערישע קעפּ־לעך אַזוי שטאָלץ, אויפגעהויבן צום הימל, מיט גאווהדיקן קאָפּ־שאָקל, און דערביי קייענדיק און נאָגנדיק גומע־צוקערלעך, ווי די אַמעריקאַנער טאַנץ־יונגען. ווען זיי דערנענטערן זיך צו די מיידלעך הערן זיך קווי־טשערייען אויסגעמישט מיט יונג געלעכטער. עפּעס אַ חבור האָט אוודאי געגנבעט אַ קוש ביי אַ שיין יונג מיידל. און טיילמאָל ווען דער בחור דערזעט אַ יידיש מיידל מיט אַ צינעותדיק פּנים, לויפט ער שנעל צו צו די ציגיינערין, וואָס פאַרקויפט אַלקאָלירנדיקע רויזן, און קויפט אַ ווייסע רויז, און דערלאַנגט דאָס דעם מיידל מיט דעם צניעותדיקן פּנים. דאַ־מאָלט צעהילכן זיך די מיידלעך מיט געלעכטער.

גראַמאָפאָן מוזיק און מיידעלשער געלעכטער, אויסגעמישט מיט די געשרייען פון מאַרק־ווייבער און מענער, און קוויטשערייען פון די שעכ־טענדיקע הינער, גענז, קאַטשקעס, פאַרהילכט ווייט, ווייט אַוועק איבער דעם יאַריד.

איינציקווייז ליידיקן זיך אויס די געסלעך פון יאַריד טישן, און עס זעט אויס, ווי אַ וואַסער וואָלט דאָס אָפּגעשווענקט, און איבערגעלאָזט פּאַפּירן, פאַרפוילטע אויבסטן, שטריק, פעדערן, שמאַטעס, צעלעכערטע שיך, און דאָ און דאָרט זעט מען וואַנדערן אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מענטשן מיט באַהאָרטע פּנימער, זוכנדיק אויף דער ערד געלט, עסנוואַרג און שמעקנדיקע אויבסטן, ווי אין די היימישע שטעטלעך נאָך די געענ־דיקטע אָטפּוסטן.

אָבער ביים ראַנד פון יאַריד מאַרק זיצט נאָך דער גרין־סוחר, דער אַלטער ר' יאָשקע פון ווילנע. ביי אים קען מען קריגן קנאָבל, כריין, קאָפּער, שוואַרצן, רויטן, ווייסן רעטעך. ער איז אַלט מיט אַ מיד פּנים, און אַ ווייס־גרויע באָרד. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַזאַ האַרטן הוט, ווי אַ בעכער, די פּאות זיינען פאַרקעמט אונטער די אויערן, זיינע גרויע אויגן קוקן בייז, די נאָז עטוואָס פאַרקרימט, די ליפּן אויפגעבלאָזן, פאַרטריקנט פון צופיל רעדן, און האָלט אין איין שעפּטשן פון אַ ספר, ווו עס געפינט זיך דער שיר היחוד ליום ראשון. ווען דער פּאָליציימאַן קומט צו אים אָנזאָגן אַז דער זונטיק יאַריד איז געענדיקט, הויבט ער אויף זיין ווייס פּנים, און צו דעם פּאָליציי־מאַן רעדט ער אויף יידיש, „שוין, שוין, מליץ־יושר־לעבן, כ'וויל נאָך דאָ פאַרענדיקן אַ פּסוק פון שיר". דער פּאַליציי־מאַן פאַרשטייט גאָרנישט וואָס דער אַלטער יאָשקע זאָגט צו אים, לויפט ער אַוועק ווי אַ פאַרשעמט קינד, מיט אַ דינעם שמייכל אויף זיין שטרענג פּנים, און ר' יאָשקע פאַרענדיקט דעם זונטיק מאַרק פון „שיר היחוד

ליום ראשון״, עס הערט זיך אַ שטיל שעפּטשן, מיט פּחד און דרך ארץ:
„עד יום הזה החזקת בידי חיים וחסד עשית עמדי״.
דער מאַרק־פּלאַץ ווערט אויסגעליידיקט. ווו ניט ווו וואַלגערן זיך געלע מאַראַנץ־שאָלן, טונקל־גרינע קאַפּוסטע בלעטער, ס׳הערן זיך שטילע עכאָס פון די ווייטע געסלעך, ס׳הערט זיך קלאַנגען פון זילבער־געלט, פעדערן פליען ווי פּיטשינקע זומער־פייגעלעך. און דער לעצטער צו פאַרלאָזן דעם מאַרק־פּלאַץ איז ר׳ יאָשקע ווילנער. קוים וואָס ער קען שטופּן דאָס צוויי־רעדלדיקע וועגעלע, וועלכעס סקריפּעט אונטער זיינע פיס. ער גיט אַ פּאָר אָפּ אַ ביסל און שטעלט זיך און קרעכצט. ווען מענטשן זאָגן, אַז ער אַזאַ גביר דאַרף נישט שטופּן אַליין דאָס וועגעלע, פאַרגלייזט ער די אויגן צום הימל און שעפּטשעט עפּעס אַ תפילה, ווי ער וואָלט וועלן דאַנקן דעם רבונו של עולם פאַרן אָפּהיטן ווייטשעפּעלער יידן, און דעם גוטן זונטיק מאַרק, און צו די אַלע דורכגייער זאָגט ער בזה הלשון, און ווייזטצום הימל: „דאָרטן, דאָרטן וועט אַנדערש זיין״... זיינע אויגן זיינען ווייטער געווענדעט צום הימל, ווי די הימלען וואָלטן זיך עפּענען כדי אַריינצוציען ר׳ יאָשקעס ווערטער: „עד יום הזה החזקת . . . אוי אוי רבונו של עולם״ . . .